# ווען די רעוואָלוציע קומט אָן

ש. האַראָנטשיק, 1905. ראָמאַן.
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.

1905. דאָס איז אַ יאָר, וועגן וועלכן די היינטיקע יוגנטלעכע האָבן נאָר געהערט אָדער געלעזן, אָבער אַליין געזען אים האָבן זיי נישט. זיי האָבן אים נישט געזען מיט זיין יסורים־קראַמף און געראַנגל.

און אין דעם דאָזיקן יאָר איז געווען וואָס צו זען. דאָס איז געווען אַ וואָרצל־יאָר, וואָס האָט זיך שפּעטער צעצווייגט און פאַנאַנדערגעבליט מיט זיין גאַנצער קראַפט און פולן שטאָלץ.

1905 איז געווען די התחלה, דער אָנהייב פון גרויסן באַפרייאונג־מאַרשרוט, אויף וועלכן עס האָבן זיך געלאָזט די שווערע מיליאָנען רוסישע בירגער.

די צעשטערונג, דער איבערברוך, וואָס איז געקומען אין רוסלאַנד מיט דער רעוואָלוציע פון 1917, איז זיך שווער פאָרצושטעלן אָן די אַלע גרויסע און קליינע איבערלעבונגען און שטרעבונגען, חלומות און געיאָמערס, האָפנונגען און אַנטוישונגען פון 1905.

און דווקא וועגן אָט דעם יאָר ווערן געשריבן אַזוי ווייניק בעלע־טריסטישע ביכער. אמת, דאָס יאָר 1905 ווערט אָפט דערמאָנט אין

פּאָליטישע בראָשורן און אַרטיקלען. אָבער דאָרט ווערט וועגן אים געשמועסט פּאַראַלעגמינערט, מען דערמאָנט נאָר זיינע גרויסע דער־גרייכונגען און גרויסע אַנטטוישונגען. אָבער אַזעלכע צייטן פאַרמאָגן אויך אַ שלל מיט כאַראַקטעריסטישע קליינינקייטן. אַזעלכע צייטן פאַר־מאָגן אַן אוצר פון דינגע, קוים באַמערקבאַרע שטריכן, פון וועלכע עס לאָזן זיך צונויפשטעלן אינטערעסאַנטע בילדער, און וועלכע זיינען שטאַרק באַלערנדיק פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פונעם אַרבעטער און אפשר נאָך מער פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פונעם מיטלקלאַס.

ווייל וויסן דאַרף מען, אַז אַ רעוואָלוציע קומט נישט מ י ט א י י ן מ אָ ל, קומט נישט פּלוצלונג, פון דער העלער הויט. זי קומט אַלס אויסגערייפטע פּרוכט, אַלס צייטיק־געוואָרענע געזעלשאַפטלעכע דער־שיינונג. זי איז אַ רעזולטאַט פון לאַנגער מי און מאַטערניש, פון פיל אָנשטרענגונג און אַרבעט. אַ סך כוחות ווערן געפּטרט, אַ סך קרבנות ווערן איינגעשלונגען, עס נעמט אַ סך יאָרן פון אויפקלערונג און באַוואוסטזיניק־מאַכן, ביז די אומצופרידענע זיינען זוכה זיך צו געפי־נען נאָענט צו זייער ציל.

און דעריבער, אין דעם מאָמענט פון פולן רעוואָלוציאָנערן אויס־ברוך ווערט נישט דער בירגער, אַפילו דער געוויינטלעכער בירגער, אַזוי שרעקלעך איבערראַשט, עס איז נישט פאַר אים ווי אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אין אַ משך פון יאָרן האָט מען אַזוי פיל וועגן דעם גערעדט, אַלע האָבן זיך וועגן דעם אַזוי פיל אָנגע־הערט, אַז אַפילו יענע, וואָס שטייען ווייט פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, האָבן זיך שוין אויך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז עס איז מעגלעך אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש.

דאָס איז אַלץ גערעדט דעמאָלט, ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק, ווען די לאַגע האָט שוין דערגרייכט צו איר העכסטער שפּאַנונג, ווען דער אויסברוך איז שוין געשען. יאָ, דאָס איז אַלץ גערעדט ביים סוף.

אָבער ביים אָנהייב? דאַן ווען מען שטעלט די ערשטע טריט אויף דעם נייעם קעמפערישן וועג? דאַן ווען עס בלאָזן די ערשטע

רעוואָלוציאָנערע ווינטן? ווי פילט זיך דאָן דער גאָסן־מענטש, דער בעל־הבית, דער קליינער פאַבריקאַנט, דער קרעמער, בכלל דער גאַנ־צער מיטלקלאַס, די גאַנצע אַזוי גערופענע גראָע מאַסע? ווי אַזוי שפּירן זיי זיך אין אַזאַ יאָר ווי 1905? צי געמען זיי עס אויף גלייכ־גילטיק, הגם זיי פאַרשטייען גאָרנישט, צו וואָס מען דאַרף די „גאַנצע התונה״, אָדער עפּעס אין זיי בונטעוועט זיך אינערלעך, טאָקע דער־פאַר, וואָס זיי פאַרשטייען נישט, צו וואָס מען דאַרף דאָס אַלץ?

דאָס איז נישט גלאָט אַזוי אַ טעאָרעטישע פראַגע. ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט דידאַזיקע פראַגע אַ פּראַקטישע, אַ ממשות־דיקע באַדייטונג, און פון דעם ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע קאָנען זיין אָפּהענגיק זאַכן פון רעאַלן ווערט.

דער קינסטלער גייט נאָך טריט ביי טריט די מענטשן; ער קוקט נאָך, מיט אַ שאַרף אויג קוקט ער נאָך, יעדע טאָט זייערע, יעדע באַ־וועגונג, יעדן ריר. ער פירט אונדז אַרום אויפן מאַרק, וואו זיי שטייען צוזאַמען און שמועסן וועגן דער נייער צייט, וועגן די נייע אומ־שטענדן, וועגן די נאַר־וואָס געשאַפענע פאַקטן. ער ווייזט אונדז, ווי אַזוי זיי פירן זיך אין אַזאַ צייט מיט זייערע פרויען, מיט זייערע קינדער. דער קינסטלער ווייזט אונדז זייער כעס, זייער אומצופרידנ־קייט, זייער אויפגערעגטקייט, זייער נישט־ביחאדיקייט, זייער נער־וועזיטעט, זייער איבערגעשראָקנקייט. און מיר באַקומען אַ קלאָר בילד וועגן דעם געמיטס־צושטאַנד פון אַ מענטשן, וועלכער נעמט נישט קיין אַקטיוון אַנטייל אין די אומרואיקע טעג, און דאָך האָבן אָט די נערוועזע טעג אויף אים אַ גרויסע השפּעה.

דאָס אַלץ קאָנען מיר נאָר געוואויר ווערן ביי דעם דיכטער, ביי דעם קונסט־שעפער. דאָס הייסט, ביי אים קאָנען מיר עס אַמבעסטן, אַמגעניעסטן געוואויר ווערן. ער קאָן אונדז איבערצייגן, אַז אַזוי איז ווירקלעך געווען, און מיר זאָלן דעם מינדסטן צווייפל נישט האָבן.

און אָט איז אינטערעסאַנט, ווי דער ראָמאַניסט ש. האָראָנטשיק גיט איבער דעם טיפּ פון אַ קליינעם פאַבריקאַנט אין אַ פּראָווינצ־

שטאָט אין יאָר 1905. אַנשל, וועלכער האָט אַ פאַבריק פון זייף, איז דערשטוינגט. ער קאָן באמת נישט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האַלט די אַלע „אחדות״־יונגען פאַר משוגעים.

אַנשל איז נישט קיין פּרינציפּיעלער קעגנער פון סאָציאַליזם. ער איז דאָס נישט און קאָן דאָס נישט זיין צוליב אַ גאַנץ פשוטן טעם. ערשטנס, ווייסט ער נישט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „פּרינציפּ״, און צווייטנס, ווייסט ער נישט, וואָס עס מיינט „סאָציאַליזם״. אַנשל איז בכלל אַ מענטש אָן גרויסן באַוואוסטזיין און אָן גרויסער חכמה. אַז איר ווילט, קאָנט איר זאָגן, אַז דער גאַנצער אַנשל פאַרמאָגט אין זיין לעבן צוויי זאַכן, וואָס איינס האָט ער יאָ ליב און דאָס צווייטע האָט ער נישט ליב. ער האָט ליב צו מאַכן אַ קערטל און האָט נישט ליב זיין ווייב.

און ווי עס פּאַסירט אָפט, איז דווקא יענע, וואָס זיינען הולטאַיעס, האָבן גוטע סאָלידע פרויען. זיין ווייב, מלכה, קען אים זייער גוט, זעט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ, נאָר דריקט אין זיך, שווייגט, און נאָר פון צייט צו צייט געפינען אירעליידן אַן אויסגאַנג אין דער איביקער ווייבערשער טרייסט: אין געוויין.

און אָט דאָ, ווען עס זיינען אָנגעקומען די אומרואיקע טעג, זיינען מלכהן צוגעקומען נאָך אַנדערע צרות. זי ווייסט, אַז ביי דער מאַמען אירער לויפט אַרום דער דלות אין אַלע ווינקעלעך. דאָרט איז נישטאָ מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. די מאַמע און אירע צוויי ברידער און שוועסטערל גייען פשוט אויס פון הונגער. און זי, מלכה, וואָלט זיי געוואָלט העלפן, נאָר ווי אַזוי?

און העלפן מוז מען, מען מוז אומבאַדינגט. ווייל די צייט איז אַ שלעכטע. ערגעץ דאָרט, אויף די מאַנדזשורישע פעלדער, האָבן גע־שאָסן רוסישע און יאַפּאַנישע ביקסן. און דער אָפּקלאַנג זייערער האָט דערגרייכט אַזש ביז מיטל־אייראָפּע און אַזש ביז אין דער שטאָט, וואו מלכהס מאַמע האָט געוואוינט. עס איז געוואָרן אַן אַר־בעטסלאָזיקייט. אין ווייטן מזרח, וואו דאָס רוב אויסאַרבעטונגען פון

די היגע שטריקעריי־פאבריקן האבן געהאט א זיכערן אפגאנג, — אהין איז איצט נישט געגאנגען קיין עקספארט. אין די קאנטארן האבן זיך אנגעזאמלט פולע לאגערן סחורה. און ווען קיין אנדערע אפזאץ־מערק פאר זייערע סחורות האבן די פאבריקאנטן נישט געפונען, האבן די פאבריקאנטן אין גאנצן אפגעשטעלט די ארבעט און פאר־שלאסן די פאבריקן. און מלכהס ביידע ברידער, בנימין און ישראל נח, זיינען ארומגעגאנגען אן ארבעט. און אזוי ווי זיי ביידע זיינען געווען די שפייזער פון שטוב, איז טאקע איצט אין שטוב געווען גרויסע געברענטע צרות.

איז איינמאל מלכה געקומען צו גיין און פארגעלייגט דער מוטער, אז אזוי ווי בנימין און ישראל נח דרייען זיך ארום ליידיק, וואלט אפשר געווען גלייך, אז איינער פון זיי, למשל דער ייננערער, ישראל נח, זאל דערווייל גיין ארבעטן צו איר מאן אנשל, אביסל צוהעלפן אים אין דער זייף־פאבריק.

פארשטייט זיך, אז די מוטער האט זיך שטארק דערפרייט, ווען זי האט דערהערט דעם פארשלאג. דאך האט זי זיך נישט געאיילט באלד צוצושטימען, ווייל זי קען דאך איר איידעם, דעם תכשיט. דעריבער האט זי געטראכט: ווער ווייסט וויפיל טרערן און בקשות עס האט געקאסט מלכהן אויסצופועלן ביים מאן, ער זאל איר ברודער געבן עפעס צו פארדינען אין דער איצטיקער קריטישער צייט.

דער אמת איז טאקע אזוי געווען, אז עס האט איר געקאסט גענוג געזונט, ביז זי האט דאס געפועלט. אבער זי האט זיך נישט פאר־ראטן, זי איז טאקע געווארן רויט, נאר זיך געהאלטן פעסט, אז דאס האט איר אנשל פארגעשלאגן, אז ער דארף צו האבן א מענטש אין דער זייפנזידעריי...

איז דאך שוין, דאכט זיך, אלץ אין ארדנונג, אמת? דא הייבט זיך אבער אן א נייע צרה. אט וואס: ישראל נח איז מסכים צו גיין ארבעטן אין אנשלס זייף־פאבריק. ער שטעלט אבער א באדינג: ער

מוז האָבן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. און אויף דעם האָט זיך קיינער נישט געריכט: דאָס איז געווען אַ נייעס.

ישראל נח האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אין לאַנד, וואָס איז מקיים די תורה פון סאָציאַליזם; דער ערשטער, וואָס היט אָפּ דעם מינימום־פּראָגראַם פון סאָציאַליזם.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דעמדאָזיקן טייל פון דער דערציילונג, כדי אַריינצופירן דעם לעזער אין דער אַטמאָספערע פון אַ מוטער, אַ שוועסטער און אַ שוואָגער, מיט וועלכע עס איז אַרומגערינגלט אַזאַ ישראל נח. מיר האָבן עקסטרע דערציילט אַביסל אויספירלעכער די גאַנצע מעשה, כדי דער לעזער זאָל בעסער דער־זען ווי אומגעלומפּערט, ווי נאַריש, ווי ווילד עס האָבן דעמאָלט גע־מוזט אויסזען די ערשטע שוואַלבן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינברענגען דעם זומער פון באַפרייאונג.

צי זיינען אָט די אַלע אַרומיקע אימשטאַנד צו באַגרייפן אָט דעם אויסטערלישן באַדינג, אַז ער וועט גיין אַרבעטן נאָר דאַן, ווען ער וועט האָבן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג? אַ שטאָט מיט מענטשן גייען אַרום אַן אַ גראָשן פּאַרדינסט. עס איז אַ שרעקלעכער קריזיס. קיין אַרבעט איז נישטאָ. די וואַרשטאַטן שטייען שטום. די פאַבריקן זיינען געשלאָסן. עס איז אַן אַלגעמיינער שטילשטאַנד. די געוועזענע פאַבריק־אַרבעטער, דערפילנדיק די נויט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף זייערע קעפּ, האָבן זיך געכאַפּט צו וואָס עס איז, אַבי נישט צו הונגערן: ווער עס איז געוואָרן אַ פּעקל־טרעגער, און ווער עס איז אַרומ־געגאַנגען איבער די הויפן אויפקויפן אַלטוואַרג — — —

און אין אַזאַ צייט קומט מען צו אַ מענטשן און מען גיט אים אַ שטענדיקע באַשעפטיקונג, אַרבעט אין אַ פאַבריק, כאַפּט ער זיך נישט אָן אַן דעם מיטביידע הענט, ווי אַנדערע הונדערטער וואָלטן געטאָן, נאָר ער פּלוידערט עפּעס נאַרישקייטן וועגן 8 שעה. צי קענען די אַרומיקע אים פאַרשטיין? ניין, זיי קענען נישט פאַרשטיין

די איינגעשפּאַרטקייט פון אַט דעם אַכצניאָריקן בחור׳ל, זיין עקשנות איז אומבאַגרייפלעך פאַר זיי.

זיי שטוינען, און אַט די פאַרוואונדערונג פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּראָטעסט. און דער פּראָטעסט נעמט אָן פאַרשידענע פאָרמען. ביי די פרויען דריקט זיך עס אויס אין דערשלאָגנקייט, אין אומבאַהאָלפנ־קייט. די שוועסטער, מלכה, פּרוּווט ווירקן מיט רייד, מיט גוטע רייד, זי וויל אים איינשמועסן, וויל אים איבערצייגן. און די מוטער ישראל נחס האָט זיך די הענט געביסן פון עגמת נפש. אָבער אָמ־בולטסטן, אַמקלאָרסטן קומט דער פּראָטעסט צום אויסדרוק ביי דעם שוואָגער אַנשל. אַנשל ציט חוזקדיק מיט די ברייטע פּלייצעס, ער גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן און ער זאָגט וועגן ישראל נחן:

— משוגע איז ער, דער יונג, צי וואָס?

אָט דאָס איז עס. ישראל נחס האַנדלונג איז פאַר זיי אָן אַב־סורד, אַ זינלאָזיקייט. און אויב עס לאָזט זיך פאַר זיי יאָ דערקלערן מיט עפּעס, איז עס נאָר מיט די עטלעכע ווערטער: „משוגע איז ער דער יונג״...

וואָס, מיינט איר, איז געווען דער סוף? ישראל נח איז נישט געגאַנגען אַרבעטן? אַ טעות. ער איז יאָ געגאַנגען. אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט אַזעלכע ווילדע אויגן, אַלע האָבן אַזוי פיל מיט אים איינגעטענהט, מען האָט אויסגעזוכט אַזעלכע מאָדנע תירוצים. מען האָט אים גאָר איינגעשמועסט, אַז די אַרבעט אין אַ זייף־פאַבריק איז אַנדערש ווי אַנדערע אַרבעטן; מען האָט אים איינגערעדט, אַז „אַרבעטן וועט ער טאָקע נישט מער ווי אַכט שעה, נאָר סתם אַביסל לענגער זיצן אין דער זייפנזידעריי״... און ער האָט זיך געלאָזט איבעררײדן. אַזוי ווי אין יענער צייט איז די סאָציאַליסטישע אַגי־טאַציע געווען אין פולן ברען, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט שטענדיק געקאָנט ווירקן דאָס איינטענהן, די תחנונים און בקשות פון דער משפחה. ישראל נח איז שוין שפּעטער געוואָרן אומבויגזאַם און פאַר־עקשנט. געאַרבעט טאָקע האָט ער. אָבער, אַז אין אַ צייט אַרום

האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק, און די קרובים האָבן ווייטער געפּראוווט ביי אים פּועלן, ער זאָל ווערן נאָכגיביק. האָט זיי שוין ישראל נח נישט געהערט, און אויסגעפירט, האָט ער, נישט זיי.

און אויך דאָס מאָל איז דאָ אַ וואונדערבאַרע אילוסטראַציע פון דער אומפאַרשטענדעניש, פון דעם ביטול און חוזק, וואָס די ערשטע קעמפער האָבן אָנגעטראָפן.

די מעשה איז געווען אַזוי. איינמאָל אינמיטן ווינטער האַרט נאָך ניי־יאָר איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ נייעס, אַ וויכטיקע נייעס. אין פּעטערבורג איז די באַפעלקערונג, אונטער דער אָנפירונג פון אַ פּאָפּ, געגאַנגען מיט אַ פּראָצעסיע צום קייזערס פּאַלאַץ בעטן דעם מאָנאַרך, ער זאָל שענקען אַ ביסל פרייהייט. האָט מען אָנשטאָט פריי־הייט אַרויסגעשיקט קעגן דער פּראָצעסיע מיליטער מיט ביקסן און ס׳איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע הריגה. וואָס אַזוינס האָט נאָך פּעטערבורג נישט געזען.

באַלד האָבן אויך די טאָג־צייטונגען איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיעה געניי מיט פאַרשידענע איינצלהייטן און דערקלערונגען. אַלס פּראָטעסט קעגן דער שחיטה, האָט זיך אָנגעהויבן אין לאַנד אַן אַלגעמיינער שטרייק. די פּאַרטייען דאָ אין שטאָט האָבן אויך באַקומען צוגעשיקט פון זייערע אָנפירנדיקע איינריכטונגען אינסטרוקציעס צוצושטיין צום פּראָטעסט־שטרייק.

פאַרשטייט זיך, אַז ישראל נח איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט געוואָרפן די אַרבעט אין דער זייפנזידעריי. און צוליב דעם איז געקומען צו אַ קריגעריי מיט זיין באַלעבאָס, זיין שוועסטערס מאַן, אַנשל.

אַנשלען האָט זיך דער גאַנצער ענין נישט געלייגט אויפן שכל. וואָס ערגעץ דאָרט, ווייט אין פּעטערבורג, זיינען געהרגעט געוואָרן מענטשן — דאַרף מען דאָ אָפּשטעלן די אַרבעט, און ישראל נח זאָל אַוועק פון פאַבריק און גאָר אָנריידן די פּויערים אויך אָוועקצולייגן די אַרבעט.

אַנשל האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער נאַרעשקייט. און אַזוי ווי

ער האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ גרויסן בעל־שכל, יעדנפֿאַלס איז ער דאָך קליגער פֿון דעם אַכצניאַריקן ישראל נח, דערפֿאַר איז ער געווען זיכער, אַז מיט עטלעכע וויציקע ווערטער וועט ער קאַלט מאַכן דעם גאַנצן שטרייק־חשק ביי זיין שוואָגער.

האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ ידישלעכן זאָג: „מיין עסק.... וועט זיין אַ ביסל קאַצאַפּעס וויניקער אויף דער וועלט"...

און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפֿן, האָט אַנשל גענומען שטעלן ישראל נחן קלאָץ־קשיות. צי דער קייסער אין פּעטערבורג ווייסט טאַקע, צי מען דערציילט אים, אַז דאָ הי שטייען די פֿאַבריקן און פֿאַר וואָס זיי שטייען, און צי דאָס וועט אים טאַקע שטאַרק אַרן, ווען ער זאָל עס געוואויר ווערן?...

איר געפֿינט אין דעם בוך באַך אַזעלכע געשטאַלטן. אָט איז אַ טיפּ, אַ „זעלנערישע ידענע", וואָס האָט אַ זיבצניאַריקן יינגל, לעמל, וואָס איז קליין און מאָגער און בלאַס. און אָט דאָס יינגעלע האָט אויס־צושטיין אַ שפּאָר ביסל יסורים פֿון זיין שלעכטער מוטער. זי לויפֿט אַרום צו די שכנים און שרייט: „איך וועל זיי דרך ארץ לערנען, די אחדות־יונגען, צום פּריסטאַוו וועל איך גיין, באַגראָבן וועל איך זיי און מיין אייגענעם כאָלערניק, דעם ליידיקגייער, אויכעט מיט מיינע אייגענע הענט, אַ !!"... און איצט, ביים אַלגעמיינעם שטרייק, ווען לעמל אַרבעט שוין נישט עטלעכע טעג, האָט די מוטער אויפֿגעהערט אים צו געבן עסן. אַלצדינג האָט זי גענומען אונטערן שלאָס; אַפֿילו די מערן און רויע קאַטאָפֿליעס אויך...

אָט אַזוי האָבן אויסגעזען די באַציאונגען פֿון די אַרומיקע און נאָענטע צו די ערשטע אחדותניקעס. אומפֿאַרשטענדעניש, חוזק, רע־פּרעסיעס אויפֿן היימיקן שטיגער.

מיר האָבן דאָ באַהאַנדלט איין ווינקל פֿון דעם דאָזיקן בוך. האָ־ראָנטשיקס „1905" באַהאַנדלט נאָך פֿיל אַנדערע פֿראַגן. פֿאַרשידענע פֿאַבריק־סצענעס וואָרפֿן זיך דורך דאָ און דאָרט. ער האָט זיך גרויס פֿאַרמאָסטן. דער דימער האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו געבן דאָס גאַנצע

לעבן פון יענער צייט. יענע צייט, וואָס איז געווען ווי אַ טײַך, וועל־כער ווערט אויפגעטרייסלט אונטערן דרוק פון אַ ווינט, און די כוואַליעס לויפן, לויפן, און די כוואַליעס הייבן זיך און פאַלן.

דאָס דאָזיקע יאָר איז געקומען מיט אַ בשורה אין מויל. אַזוי פיל כשוף איז דאָרט געווען, אַזוי פיל פאַרלאָקונג, אַזוי פיל רייץ. ווי בלענדנדיק און צוזאָגנדיק איז געווען דאָס יאָר און גלייכצייטיק וויפיל עלנט, וויפיל בראַך, וויפיל אומקום! די זון פלעגט אַ גלאַנץ טאָן, כדי שפּעטער זיך צו פאַררוקן אונטער אַ וואָלקן; ווייסע פליגלען פלעגן אַ פאָכע טאָן איבער די קעפּ, כדי... דער מלאך המות זאָל בעסער דערזען ווי צו טרעפן. מען האָט געגעבן אַ דערלויבעניש איינצואָרדענען גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, כדי מען זאָל נישט האָבן קיין שווערע אַרבעט, כדי צעיושעטע זעלנער זאָלן לייכט זיך קאָנען אַ לאָז טאָן מיט ביקסן, דורכ־שטעכן בוזעמס, שנײַדן קעפּ. איין טאָג האָט מען פּראָקלאַמירט די געפּאָדערטע פרייהייט, אויף צו מאָרגנס האָבן די באַפרייטע מער גאָר־נישט געפּאָדערט, נישט ווייל זיי זיינען געווען באַפרידיקט, נאָר ווייל זיי האָבן שוין נישט געלעבט.

אַ גליקלעכע צייט געווען, אַן אומגליקלעכע צייט געווען. שיין מיט איר טרויער, גיהנומדיק מיט אירע געפאַרן, גרויס מיט איר וואַגעניש, מיט איר פאַרנעם.

מען מוז דעריבער מוחל זיין האָראָנטשיקן, אויב דאָ און דאָרט קומט עס אַרויס שוואַכלעך, נישט בלוטפול, אומבאַהאָלפן.

די אויפגאַבע איז ווירקלעך אַ שווערע. דאָ דאַרף מען נישט בלויז געבן דעם קאַמף פון אומגלייכע כחות, דעם געראַנגל פון אידעאַליסטן מיט פעסט פאַרפאַנצערטע כוחות, דעם ווילן מיט די אייגענע צײַן דורכצובייסן די אייזערנע וואַנט פון אַן אורמעכטיקן רעזשים. דאָ דאַרף מען נישט בלויז אַנטפּלעקן אַלע שטראַלן און אַלע קללות פון דער צייט, אַלע אירע רויטע און שוואַרצע קרעלן. דאָ טאָר מען אויך נישט פאַרגעסן די ווירקונג פון דעם יאָר אויף שפּעטער, דאָ מוז מען אויך

געדענקען, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון יענעם יאָר האָט אַריינגע־שריגן אין די שפּעטערע צייטן.

מען מוז מודה זיין, אַז האַראַנטשיק האָט די דאָזיקע אויפגאַבע נישט דערפילט, ווייט נישט דערפילט. אָפטמאָל באַקומט זיך אַפילו דער איינדרוק, אַז צוליב דער אומגעהויערער שווערקייט פון דער אויפגאַבע האָט דער דיכטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך גע־לאָזט אויף דער ליניע פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. מאַנכע שטעלן דערהייבן זיך נישט איבער כראָניקאַלע פעסטשטעלונגען.

דאָך פאַרמאָגט דאָס בוך פיל פּלאַסטישע, גוט געבויטע סצענעס, אינטערעסאַנטע טיפּן, קלאָרע, בולטע געשטאַלטן.

דאָס בוך איז אַלנפאַלס ווערט געלעזן צו ווערן. באַזונדערס פון די יוגנטלעכע, זיי, וועלכע האָבן דאָס יאָר 1905 נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, זיי וועלן פון האַראַנטשיקס ראָמאַן פיל, זייער פיל לערנען.